פרשת ויקהל פקודי, כ"ט אדר תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ס"ח

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................... 5:44
מוצאי שבת.............................. 7:15

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# א מעשה פון תפלה

## פנחס דוד וועבערמאן

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן פאר א אייגענע מיני ווען, כדי צו קענען מאכן לאנג דיסטענס טריפס מיט מיין ווען, ס'האט זיך געשלעפט א לאנגע צייט צוליב דעם וואס מיט מיין נאמען האב איך עס נישט געקענט קויפן, אבער איך האב נישט אויפגעגעבן נאר ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען האבן, ביז איין טאג האט מיר איינער אנגע'שדכנ'ט מיט איינעם וואס קען מיר עס ערלעדיגן, און שכח אייבערשטער ער האט עס מסדר געווען גאר שנעל אויף א גרינגען וועג. שכח אייבערשטער!

## אלע משפחות אין שטעטל

גאר שטארקע ווינטן איז געווען פארגאנגענעם וואך אז מען האט ממש געשפירט די הויז ריקט זיך אוועק פון פלאץ, יעדע מינוט האט מען געהאפט די לעקטער זאל זיך נישט אפהאקן, דער אייבערשטער האט אבער געוואלט אנדערש, ארום 11:00 אזייגער ביינאכט האט פאסירט א קורצשלוס אויף אפאר גאסן אינעם שטעטל, אלע (וואס זענען נאך געווען אויף) האבן אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן די לעקטער זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי אמשנעלסטן כדי מען זאל נישט דא פארפרוירן ווערן פון קעלט, און וואונדער איבער וואונדער די לעקטער קאמפאני איז נאך אינמיטן די נאכט געקומען פארריכטן די פראבלעם און נישט געווארט אזוי ווי געווענליך ביז אינדערפרי, שכח אייבערשטער די גאנצע קורצשלוס איז געווען נישט מער ווי צוויי שעה. ברוך השם אז מיר ווייסן די זאך פון תפלה.

## נחמן שמואל יאקאבאוויטש

מוצאי שבת פורים האב איך געפארקט מיין קאר נעבן די ישיבה ביי איינעמ'ס פארקינג, נאך די פורים סעודה שפעט ביינאכט גיי איך צו די קאר און איך זעה אז איך קען נישט ארויספארן ווייל דער מענטש האט געלייגט זיין קאר אין פארנט פון מיין קאר און מיר געשטערט פון ארויספארן (וואס באמת איז ער געווען גערעכט), איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אהיימפארן מיט מיין ווייב און קינדער, אינמיטן איז דארט אנגעקומען איינע פון אונזערע חשובע חברים און ער רופט זיך אן "ווילסט אהיימפארן? קענסט ניצן מיין קאר", שכח אייבערשטער. דעם נעקסטן טאג האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן מיין קאר, און ס'זאל נישט זיין אוועקגענומען פון פלאץ צוליב דעם וואס איך האב געפארקט אויף איינעמ'ס פארקינג, שכח אייבערשטער איך האב עס נאך געטראפן אויפ'ן זעלבן פלאץ.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**נחמן ישראל יאקאבאוויטש נ"י**
**וזוגתו גיטל תחי'**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן
אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע
קינדער געזונטערהייט.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען
א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך
אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**ארי לונגער נ"י וזוגתו בריינדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן
מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל.

# נייעס אין שטעטל

## שיינע שבע ברכות אין שטעטל

פארגאנגענעם דינסטאג כי תשא איז פארגעקומען גאר א שיינע שבע ברכות פאר החתן שלום יוסף הי"ו בן הר"ר נחמן ניישטיין שליט"א מלמד מומחה אין תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג, מיט די טאכטער פון הר"ר אברהם משה שטראססער שליט"א מנהל מוסדות היכל הקודש, און פון די ערשטע תושבים אין קרית ברסלב.

מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך געקומען באטייליגן, וואס באמת האט דער ראש ישיבה נישט געהאט צופיל כח צו קומען נאכדעם וואס א נאכט פאר דעם האט דער ראש ישיבה געהאט א אינגל למזל טוב, אבער פאר די מנהל ר' אברהם משה שליט"א איז ער געקומען.

ביי די דרשה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט ביים שבע ברכות האט ער ארויסגעברענגט די נאנטשאפט וואס ער האט מיטן מנהל שוין פון אלץ בחור נאך פאר'ן זיין מקורב צום הייליג'ן רבי'ן, "איך פלעג אסאך שמועסן מיט אים פון ניגונים, וואס הגם נאכ'ן זיין מקורב צום רבי'ן האבן מיר אויך גערעדט פון ניגונים, אבער עס האט שוין געהאט גאר א אנדערן טעם".

אזוי ווי די מעשה מיט רבי נתן וואס איז געווען זייער צובראכן אז מען הייסט אים גיין קויפן בייגל מוצאי שבת פאר מלוה מלכה, ער האט גאר שטארק געוויינט "צוליב דעם בין איך באשאפן געווארן צו קויפן בייגל", אבער נאכדעם ווען ער איז שוין געווען מקורב האט אים שוין בכלל נישט געבאדערט צו גיין קויפן בייגל, אזוי ווי עס איז טאקע געווען איינמאל ווען דער הייליגער רבי האט זיך אנגערופן, "רבי נתן איז ביי זיך א שטיק בלאטע, אדרבה בעטס אים גיין קויפן בייגל וועט ער נישט האבן קיין פראבלעם צו גיין קויפן".

ווען מען לעבט מיט'ן רבינ'ס עצות האט די לעבן גאר אן אנדערע באדייט, יעדע זאך איז ארייגעפלאכטן די אייבערשטער אין דעם, אינמיטן די ארבעט רעדט מען צום אייבערשטן, וואו מען לייגט אים רעדט ער צום אייבערשטן, בפרט אין שטוב ווען מען לעבט מיט'ן אייבערשטן האט די שטוב גאר א אנדערע געשמאק.

ווען מען רעדט צום אייבערשטן דרייט זיך עס אלץ ארום דריי זאכן, א) איבערבעטן דעם אייבערשטן אויף וואס מען האט געטוהן ב) דאנקן דעם אייבערשטן אויף אלעס גוטס וואס ער גיט ג) בעטן אויף ווייטער וואס מען דארף.

דער אייבערשטער זאל העלפן די שמחה זאל ברענגן נאך שמחות, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט "די שטעטל איז א געבענטשטע פלאץ".

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

לכבוד מרת ... תחי׳

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון אייך אז איר האט געפאלגט וכו׳; גלייבט מיר, איך ווייס וואס איך זאג. **איר האט אן ערליכער מאן**, ער איז זייער וואויל און גוט; איך זאג אייך נאכאמאל - דאס וואס האט פאסירט מיט אים וכו׳ דאס איז א טריק פונעם ס״מ, ער האט עס געטון נאר אוועק צו נעמען די ליבשאפט צווישן אייך.

עס וועט אים אבער גארנישט נוצן ווייל מיר הערן דעם קול פונעם הייליגן רבי״ן וואס האט געשריגן מיט זיין גאנצע כח (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן עח): ״**אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל**״, עס איז נישט דא קיין יאוש! דער רבי האט דאס געשריגן פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק און מען הערט נאך דעם קול ביז היינט. נישט נאר מען הערט דער קול נאר עס ווערט גאר שטערקער און שטערקער, אזוי ווי עס שטייט ביי מתן תורה (שמות יט, יט): ״**וַיְהִי קוֹל הַשּׁוֹפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד**״, דער קול פונעם שופר איז געווארן העכער און העכער, זאגט דארט רש״י: ״**מִנְהַג הֶדְיוֹט כָּל זְמַן שֶׁהוּא מַאֲרִיךְ לִתְקֹעַ קוֹלוֹ מַחְלִישׁ וְכֵהֶה, אֲבָל כַּאן הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד**״, געווענליך ווען איינער בלאזט ווערט דער קול שוואכער און שוואכער, אבער דא איז דער קול געווארן העכער און העכער; אזוי איז אויך ביים רבינ׳ס זאך, מען הערט און מען נעמט אן דעם רבינ׳ס ווערטער מער און מער.

עס איז געווען א גרויסער ערליכע איד, א ברסלב׳ער חסיד, ר׳ ישראל קארדונער זכרונו לברכה. ער פלעגט זאגן: ״**איינמאל דער רבי האט געשריגן: ״אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל״, קיין יאוש איז נישט פארהאנען; קען דער ס״מ טאנצן פון דער ערד ביזן הימל, עס וועט אים גארנישט העלפן**״.

דער רבי לערנט אונז אויס אז פון יעדן מצב קען מען טרעפן א וועג ארויס; דער עיקר דארף מען פארגעסן וואס איז געווען. אויב מען וויל בויען א שטוב צוזאמען טאר מען נישט דערמאנען איינער דעם אנדערן אלטע מעשים, ווייל דאס איז א לאו אין די תורה. דער פסוק זאגט (ויקרא כה, יז): ״**לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ**״, זאגן אויף דעם חכמינו זכרונם לברכה (בבא מציעא נח:): **אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה לֹא יֹאמַר לוֹ: ״זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים**״, מען טאר נישט זאגן פאר א בעל תשובה: ״געדענקסט ווען דו האסט געפראסן נבילות און טריפות״.

א איד איז אמאל געקומען צום רבי״ן וויינען אז דער גלח פון שטאט האט פארכאפט זיין טאכטער, דער רבי האט אים געגעבן א גוטע עצה ווי אזוי ער זאל איר ארויס כאפן פון דארט. נאכדעם וואס זי איז גערעטעוועט געווארן פון דארט האט איר דער רבי גלייך א כלה געמאכט מיט א פשוט׳ער בחור א שוסטער און דער רבי האט געזאגט פאר דעם חתן בזה הלשון: ״איך בעט דיר זייער שטארק **דו זאלסט קיינמאל נישט דערמאנען פאר דיין ווייב די מעשה** וואס זי האט געהאט מיטן גלח און איך זאג דיר צו אז אויב דו וועסט איר קיינמאל נישט טשעפען מיט די אלטע מעשה **וועסטו האבן קינדער צדיקים**״; וכך הוה, דער איד האט זוכה געווען צו קינדער צדיקים און גרויסע רבנים.

ובכן, אויב איר וועט נישט טשעפען אייער מאן מיט די מעשה וכו׳ און איר וועט מתפלל זיין אז איר זאלט פארגעסן וואס איז געווען וכו׳, וועט איר זוכה זיין צו קינדער גרויסע צדיקים. ווייל וויסן זאלט איר אז יעדע דיבור פון רבי״ן גייט אן לדורי דורות, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן עב): ״**עַל יְדֵי רְדִיפַת שָׁלוֹם מַצִּיל אֶת בָּנָיו מִמִּיתָה וּמִגָּלוּת**״, אז מען לויפט נאך שלום, מען זוכט עס זאל זיין שלום - וועלן די קינדער געראטעוועט ווערן פון טויט און פון גלות; ווען קינדער זעהן ווי די עלטערן לעבן בשלום וועלן זיי קיינמאל נישט איבער לאזן די שטוב און זיי וועלן אויך אויפשטעלן א שיינע שטוב.

**בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויקרא, כ״ד אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

דיין ווייב האט מיר געשריבן אז זי קען מער נישט וכו׳, זי געבט אויף וכו׳.

**דו דארפסט איר מחזק זיין**; לויט ווי איך פארשטיי איז זי דערשראקן אז זי האט א פראבלעם, עס באדערט איר מער דאס טראכטן אז אפשר איז זי נישט געזונט מער ווי עס באדערט איר אז זי איז נערוועז און אז זי פארלירט זיך און זי שרייט אויף די קינדער. א אידישע מאמע וואס האט א שטוב מיט קינדער, ווען זי שרייט אויף די קינדער **מיינט דאס נישט אז זי דארף נעמען מעדעצין** וכו׳, די נאטור פון עלטערן איז צו שרייען וכו׳ און מען דארף דאס אויסארבעטן. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט פארלירן, מען זאל נישט שלאגן די קינדער און מען זאל זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

דעריבער דארפסטו איר מחזק זיין; זאג איר אז אלע אידישע מאמעס זענען אזוי ווי איר, **אלע שפירן אסאך מאל ווי מען גייט אויפגעבן**. רעד איר אויס איר הארץ אז קינדער זענען קינדער; געזונטע קינדער טאנצן און שפרינגען, געזונטע קינדער קריכן און **געזונטע קינדער הערן נישט ווען מען רעדט צו זיי**.

געב אכטונג אויף דיין ווייב זי זאל זיין געזונט און שטארק; ווען זי פארלירט זיך אויף די קינדער שטיי אויף איר זייט, נישט קריג דיך מיט איר, ווייל דאס וועט איר נאך מער אויפרעגן, זי וועט נאך מער שרייען און שלאגן. אבער אויב זי וועט זען ווי דו ביסט מיט איר, דו נעמסט זיך אן פאר איר ווען די קינדער פאלגן נישט, וועט זי אויפהערן צו שרייען וכו׳ און זי וועט ווערן בארואיגט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נט): ״**מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם - לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל**״, עס איז געזונטער פאר קינדער אז מען איז נישט צוגעקלעבט צו זיי צו שטארק, מען לאזט זיי אליין אויפוואקסן; נאך האט דער רבי געזאגט: ״**א קינד קישט מען נישט, און א קינד שלאגט מען נישט**״; ווייל ווי מער מען איז צוגעקלעבט צום קינד און מען צערטלט אים, שלאגט מען אים ווען ער איז לעבעדיג און שפרינגעדיג, דעריבער איז בעסער אז מען לאזט זיי ארומטאנצן, וועלן זיי אויסוואקסן געזונט און שטארק.

...

**דער הייליגער רבי זאגט: רעדן צום אייבערשטן איז גרעסער פון**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) לערנען תורה

ב) אלעס

ג) חסד

ד) שמחה




חידות אפטיילונג

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז נחמן עמרם שטראססער נ״י
תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

ווער ס׳אנטלויפט פון א צרה איז קליג

פאר א פראפעסיאנאלע דזשאב
רופט אליעזר שטן
917-202-1206

The Handyman

עס איז דא צובאקומען אלע סארט בילדער
פון מוהראש און די ראש ישיבה,
ווי אויך קארד געימס, שליסלעך האלטער
און נאך.
רופט שרולי סאמעט
845-866-4101

קרית ברסלב פלעי גרופ
צו איינשרייבן א קינד
רופט מרת יאקאבאוויטש תחי׳
646-771-6936